הספריה הלאומית
S 2001 A 6437
ב
דיק, איזיק מאיר,
דער ערסטער נאבאר :
C.1
דער
2142537-10
YOS
YOS
6098481800

דער

# ערסטער נאַבאָר

וואָס וואַר אין דעם יאָר תקפ״ח (1828)

מאת אמ״ד.

ווילנא

בדפוס האלמנה והאחים ראם

שנת תרל״ב לפ״ק

---

ДЕРЪ ЭРСТЕРЪ НАБОРЪ

Первый наборъ съ евреевъ 1828 года.

Разсказъ А. М. Дика.

ВИЛЬНА.

Въ типографіи *Вдовы и братьевъ Роммъ.*

На Жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ домахъ подъ №№ 327 и 328

1871.

S 2001 A 6437
1193

Дозволено Цензурою 28 Іюня 1871 г. Вильна.

1.

## "איין עטוואס פון מיינע קינדהייט"

טייערע לעזערין ! פאר געווים האסטו שוין מעהערע געשיכטען מיינע דורך גילעזין ניט וויסענדיק אזו גאר ווער דער שרייבער פון זייא איז ווייל זייא ווארין גישריבין אנאנים (אן אנאמען) · די אורזאכע דער פון יואר נור ווייל איך האב עס ניט פאר נייטיג גיפונען · דען דיא ערצייהלונגען מיינע ווארין גינוג פאר שטענדליך אהנע צו וויסין דעם פארפאסער (מחבר) דער פון וויא דאש ברויט זעטיגט דעם מענטשין אהנע צו וויסין וויא הייסט דער לאנדמאן (אקערסמאן) דען דיא קארין פראדוצירט (הערפארגעבראכט) האט ·

דיזער פאל אבער איז שוין ניט מיט דיזער ערצייהלונג וואס האנדילט פון איינעם היסטארישען פאקט (איינע געוויסגעשעהענע בעגעבענהייט וואש בעריהרט איינע גאנצע נאציאן) · דען דא קומט עס אן זייער פיל אויף דעם שרייבער · דאש הייסט דער שרייבער מוז אין איינער פאר ריידע פון זיינער פערפאסונג (חבור) זיך אן מעלדין דעם לעזער ווער ער איז · אונ קאווירען אים פאר דיא געוויסהייט פון זיינע ערצייהלונג אים פאל ווען זיינע פערפאסונג איין ארגענאל איז (ניט ארויש גינומען פון אנדערע ספרים) אונ ווען נים · דאש הייסט ווען זיין חבור איז נור אזאמלונג איבער זיינעם באשריבענעם געגינשטאנד (ענין) פון אנדערע היסטאריצנא ביכער · איז זיינע שולדיקייט אויף צו ווייזין דיא קוועלין (מקורים) פון וואנען ער האט עס ארויש גינומען · דאש הייסט פון וועלכע ביכער · דאהער מיינע טייערע לעזערין אום צו פערשאפין מיר גלויבין בייא דיר אין דיזער ערצייהלונג שטעלע איך מיר דיר פאר

אום

אום דיר בעקאנט צו מאכין ווער דער פארפאסער פון דיזער ערצײלונג איזט ·

איך הייס אמ״ד איין געבארענער ווילנער · אונ לעבע ביז יעצט אין ווילנא · אונ וואר אלט ביי דעם ערסטין נאבאר דרייצעהן יאר · עס איז שוין צוואר דרייא אונ פערציג יאר איבער געלאפין פון יענע צייט אן ביז דיזעם טאג · אונ דאך געדיינקע איך אים אזו גוט אלס וויא עס העטע ערסט געשטערין גישעהען · דען דער ליבער גאט האט מיך בעגאבט (בעשאנקען) מיט איינעם פרייען געדעכטניס (זכרון) אונ געדיינקע קלאר אונ ריכטיג אלע שטארק ווירדיגע בעגעבענהייטען וואס זיינען גישעהען אין מיינעם קרייז · אונ אזו געדיינקע איך אלע אונוויכטיגע קינדעשע בעגעבענהייטין וואס זיינען אבער העכסט מערקווירדיג דעם קינדע אין זיינען קינדעשין עלטער · אזו געדיינקע איך דעם ערסטין טאג אין וועלכעם דער גרויסר באהעלפער האט מיר גיוויזין דעם גרויסין ״אל״ף״ אונ דעם איבער מארגין נאך אים אין וועלכין דער מלאך האט מיר אראפ גיווארפין אנראסין פון הימעל · איך געדיינקע אלס מיין פאטער זכרונו לברכה האט מיך אוועק גיטראגין אין חדר איינגעוויקעלט ערהייט אין אטלית מיט אפלאם בראנפין אונ מיט אלעקאך · אונ מיין רבי זעלינ ז״ל האט אן גיהייבין צו לערנען מיט מיר דיא ערסטע פרשה פון ויקרא · איך געדיינקע אלס ער האט מיר אן גיהויבין צו קנייפין אין בעקעלע אונ האט מיר צו גיזאגט צו געבין א שיינע כלה · אונ האט ווארט גיהאלטין · דען ער האט עש מיר שפעטער טאקע גיגעבין · דען ער וואר דער נאך מיין שדכן · אונ נאך קלינגט אין מיינע אויערין דער ערשטער ״מה טובו״ וואש מיין באהעלפער האט גיזאגט מיט מיר זייער הויך אויף דיא טרעפ פון אונזער ווילנער שול · עש ווארען דאן מיט מיר נאך הונדערטע קינדער פון אנדערע חדרים פאר זאמילט דארטין · וויא נאטעם הערדען (שטאדעס) ארום דעם סיני · נאך צוקט מיך דורך דר היילינער שויער וואש האט דורך צוקט אלע מיינע קליינע גלידער

אלס

אַלְס מִיר הָאבִּין אוּנְז אַלֶע פַאר אַיינְס אוּנ פַאר גַיינְס בַּייא דִיא ווֶערְטֶער וַאֲנִי אֶשְׁתַּחֲוֶה וְאֶכְרְעָה דֶען גָאט וַואר מִיר דַאן פִיל נֶעהֶענְטֶער אַלְס יֶעצְט ווָאשׁ אִיךְ זוּךְ אִים מִיט מַיינֶעם קַאלְטִין פַאר שְׁטַאנְד · אִיךְ גִידַיינְק דִיא עֶרְסְטֶע טְרֶערִין ווָאשׁ אִיךְ הָאבּ גִיוַויינְט אוֹיף דֶעם טוֹיט · נָאךְ מֶער גִידַיינְק אִיךְ דִיא עֶרְסְטֶע טְרֶערִין ווָאס אִיךְ הָאבּ גִיוַויינְט אוֹיס אַנְדַאכְט (פְּרֶעמִיקַייט) אִין דֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה פוּן דֶעם עֶרְסְטִין נַאכְבַּאר צוּא מוּסָף בַּייא דִיא ווֶערְטֶער „מִי לֹא נִפְקַד כַּיּוֹם הַזֶּה“ אוּנ גִידַיינְק אַזוֹ אַלְץ ווָאשׁ דַאן אִיז גִישֶׁעהֶען · גְלַייךְ וִויא אִיךְ ווָאלְט עֶס עֶרְסְט מִיט מַיינֶע אוֹיגִין גִיזֶעהֶען :

עֶס וַואר דַאן גִיוַויין אִיבֶּער גִיוַויין אוּנ אִיךְ הָאבּ גֶעוַויינְט מִיט · אוּנ בֶּעשְׁרַייבֶּע עֶס אַזוֹ וִויא אַיין אוֹיגֶען צַייגֶער ווָאשׁ אִיז צוּא גְלַייךְ אוֹיךְ אַיין אַנְטַייל נֶעמֶער אִין דִיזֶער בַּאגֶעבֶּענְהַייט · אוּנ אַזוֹא לֶעבִּין נָאךְ גָאט זַייא דַאנְק זַייעֶר פִיל ווָאס גִידַיינְקֶען עֶס וִויא אִיךְ דָא אִין מַיינֶער פָאטֶער שְׁטָאדְט · אַזוֹ ווָאלְט אִיךְ נִיט אַרוֹישׁ גִיטְרָאכְטִין אָפְּעֶנְטְלִיךְ מִיט אוּנְוָוארְהַייטֶען · פַאר דִיא יֶענִיגֶען ווָאס קֶענֶען מִיךְ נָאךְ צוּם לִיגְנֶער מַאכִין · אַיין בַּאוַוייז ווָאס דֶער כּוּזָרִי בֶּעדִינְט זִיךְ מִיט אִים אִין זַיין סֵפֶר אוֹיף אֲמִתַּת הַתּוֹרָה · דָאס מֹשֶׁה ווָאלְט זִיךְ נִיט גִיוָואגְט אַרוֹיס צוּא טְרֶעטִין מִיט אַזֶעלְכֶע סִפּוּרִים ווָאס אַנְדֶערֶע שְׁרַייבֶּר ווָאלְטִין אִים מַכְחִישׁ זַיין׳ אוּנ ווֶען אוֹיךְ אִיךְ בֶּעשְׁרַייבּ דִיזֶע בֶּעגֶעבֶּנְהַייט פוּן ווִילְנֶער נֶעזִיכְטְסְפּוּנְקְט (מרכז) נָאר בַּייא אַלֶעם דֶער בְּרֵייטֶעס אוֹיס דִיזֶע בַּאשְׁרַייבּוּנְג אַיינֶע הֶעלִיקַייט (לִיכְטִיקַייט) אִיבֶּער אַלֶע אִידֶעשֶׁע בֶּעוִיצוּנְגֶען אִין רוּסְלַאנְד · דֶען עֶס וַואר אִיבֶּער אַל (אוּם אוּנ אוּם) דָאס זֶעלְבֶּע מִיט קְלַיינֶע אוּנְטֶער שֵׁיידוּנְגֶען :

.2

„וִויא גְרוֹיס עֶס וַואר דַאן דִיא ווִירְקוּנְג פוּן דֶעם עֶרְסְטִין אוּקַאז אוֹיף ווִילְנֶער אִידֶעשֶׁע גִימַיינְדֶע“ :

בעודני נער) אַלְס אִיךְ וַואר נָאךְ אַקִינְד פוּן אַיאר פִינְף זֶעקְס הָאט זִיךְ שׁוֹין גִיהֶערְט · דָאשׁ מֶען ווֶעט אַן הַייבִּין צוּא נֶעמֶען

אִידֶעשֶׁע

אידעשע קינדער פאר זעלנער וויא אין עסטרייך · אונ עס וואר
דריבער זייער פיל געפאסט אונ תהלים גיזאגט יאר פאר יאר אין
אלע שטעדט · דען ווירקליך וואר דאן די סלוזבע זייער שווער אין
גאנץ אראפא · נאך מער אין רוסלאנד דער סאלדאט וואר דאן
בעהאנדעלט אין פולק פון זיין ציניאווניק ניט בעסער וויא דער
בויער אין דארף פון זיינעם פאמיעסציק · דער צוא נאך האבן דיזען
שרעק פאר מעהרט די אידעשע אנטלאפענע זעלנער פון עסטרייך
וואש פלעגין אום צוא גיין דא אין ווילנא אונ אין אנדערע שטעדט
איבער דיא היזער · איך גידיינק נאך וויא היינט וויא מען פלעגט
מיך פירין אין שול תהלים זאגין דאש דיזע גזרה זאל בטל ווערין ·
אגב האט זיך גיהערט דער צוא נאך אנדערע גזרות אויף אידען ·
דאש מען וויל זייא מעביר זיין אין גאנצין אויף זייער דת · דען וויא
אקייקעלע שנייא וואש קייקעלט זיך ארונטער פון דעם שפיץ איינעם
פאר שנייטען בארג וואקסט אין דעם ארונטער ווערלצען · אונ ווערט
איינע גרויסע לאווינע (אגרויסע קולע שנייא) וואש קען אגאנצין
דארף פר שיטין וויא דר פאל איז זייער אפט דארטין אין שווייצאריע
אויף די אלפענגעבירגע °) אזו וואקסט אויף יעדער נייעקייט אין
דעם מויל פון דער המון עם (פעבעל) טויזינד מאל גרעסער אלס עס
איז אין דער ווירקליכקייט · בפרט נאך ווען עס זייען דא דער צוא
אזעלכע מענטשין וואש ווילין דער פון נאך אנוצען האבין · אונ אן
אזעלכע האט דאן ניט גיפעלט · עש זיינען דאן גיוועסין אין
פעטערסבורג

---

°) אין שווייצאריע זיינען דא זייער הויכע בערג וואש ווערין
אנגערופין דיא אלפען · דיזע בערג זיינען באדעקט מיט איינעם
אייביגין שניי וואש קומט צו פון יאר צו יאר אונ ווען עס פערוויקעלט
זיך דארט אויבען איין קליין קייקעלע שנייא וואקסט עס אין פאלען
פון מינוט צו מינוט · אונ עש ווערט פון איר ביז זיא קומט ארונטער
אונטען איין קויל פון מיליאנען פודען וואש פערשיטעט אונטען
הייזער · דערפער אונ טייכען · דיזער קויל הייסט (לאווינע) ·

פעטערסבורג אידעשע דעפוטירטע · דען אזו האט דאן באפוילין
דער זעליגער קייזער אלכסנדער דער ערסטער מנוחתו כבוד ·
אונ דיזע דעפוטאטין °) וואש ווארין דארטין אין פעטערסבורג מער
באשעפטינט וועגין זייערע אינטערעסין אלס אין כלל זאבין
פלעגין אריין צוא שרייבין אין דיא אידעשע קהילות · דאש עס
הערט זיך גרויסע גזרות אויף אידין אונ עס איז נאך צייט עס צוא
פאר האפין מיט מיטלען · אונ מען האט פאר געווים גישיקט צו זייא
מאסען געלט · אונ באמת וואר עס אליגען · אונ דער ווײַלע האבין
שוין גיהאט פיל בעל דרשר פון וואס צוא זאגין אין דיא שולען
אונ

---

°) אלכסנדר ז"ל האט גימיינט דער מיט נאר איין טובה פאר
אידין דאש הייסט מען זאל מיט זייא דארטין אונטער האנדלען אלע
ענינים וואש זיינען נוגע לכלל ישראל · עס ווארין גישיקט אהין צו
צווייא פון אגובערנע אויף הוצאות פון כלל · אונ ווייל דער כלל
וואר דאן ארעם אין געלט אונ אויך אין בילדונג האט מען קיין
אנדער איסטאצניק ניט גיפונען אויף דיזע קאסטען נור דאס יעדער
מענטש זאל אבטרעגען זיין זילבערנעם בעלאג פון זיין קיטל אונ
זאל עס אריין טראגין צוא זיין קהל · אונ דאש וועט גימאכט
ווערין צוא געלט · אונ עס איז ארויס דער פון ניט מער וויא
אקלייניקייט · וויא דער פאל וואר בייא דעם עגל דאס פון ששים
רבוא אויערינגען וואש האט גיוואוין בערך אבצעהן טויזינט פונט
פאר געווים · איז ארויס קוים אקליין קעלבעל · אונ די דעפוטאטען
וואס האבין ניט גיהאט פון וואנען צוא לעבין דארטין · זיינען יענע
וואש האבין גיקאנט אביסעל רוסים דאש הייסט דיא רייסישע
גיווארין האדעטייען · אונ דיא איבעריגע האבין פראסט גיפאהערט
אויף דעם טאלקוץ מיט אלטע הויזין · אויך וואר אונטער זיי אגרויסער
פרוד לבבות · דען עש ווארין אונטער זיי חסידים פון פאר שיידענע
כתות אונ מתנגדים · אונ האבין אזו איינער דעם אנדערן דאנאסעוועס
עטליכע

אונ עש וואר איטער געוויינט אונ גיוויינט אויף יעדער גזרה וואש
מען האט אויש גיטראכט · האט זיך גיפונען רמזים אין דער תורה
אונ אין ספרים קדמונים · איך גידיינק נאך וויא היינט דאש נאך
מיט איינינע יאר פריער אלס דער אוקאז פון דעם ערשטין נאבאר
וואר האט אונזער שטאט מגיד גיזאגט אין דער שולכעלע וואש
מען רופט איר של ר"ז ור"ד אום עשרת ימי תשובה · אונ אלס ער
האט בעדויערט אין זיינעם דרוש דעם שלעכטין צוא שטאנד פון
אידען · אונ דיא בייזע גזרות וואש הערט זיך אויף דעם אידעשין
כלל · האט ער גיזאגט אונטער אנדערע רירענדע דבורים (דען
ער וואר ז"ל אגרוישער דרשן) "ווערטען ווערען אויף אייך אבער
יונגע לייט אונ הדרים קינדער איז מתוח דער מדת הדין." עס וואר
דאן איין גיוויין אין שול דאש עש געלען (קלינגען) מיר נאך מיינע
אויערין עד היום דער פון · אונ באלד נאך דעם האט ער אן
גיהייבין צוא דער ציילין וויא עש איז צוא גיגאנגען אין עסטרייך מיט
דעם ערשטין נאבאר · ער האט דער ציילט וויא ער זעלבסט האט
מיט זיינע אויגין גיזעהען וויא דער גאון ר' חאצקעלע לאנדע זצ"ל
איז דאן אריין אין שול דעם שפאדעק אראפ גיקוועצט איבער דיא
אויגין ער האט זיך גישטעלט לעבין דעם ארון קודש · ארום אים
דיא אפ גיגעבענע יונגע לייט מיט אפ גינאלטע פאות אונ בערד

אונ

---

עטליכע ווארין אונטער זייא וואש האבין ניט גיוואלט עסין מילך
פון גאס האבין זייא זיך פאר שאפט איינענע ציגען · נון פלעגט
מען זייא זייער אפט צוא זעהען וויא זייא יאגין זיך נאך
זייא אין דיא גאסין · אויף זיינען זייא איבער דעם מאנכע מאל
גיזעסין אין דער פאליציע · דען זייא פלעגין אן מאכין דארטין
גרוישע שאדענס ביי דיא וואס זיצען אין גאס מיט גרינסען אונ מיט
גיבעק · זייא ווארין דארטין ביז מען האט זיי פון דארטין ארויש
גיאגט איין בעהייז דאש אפאלק אן בילדונג איז ניט מער אלס
איין בעטעל הארדע :

אונ האט זייא גילערינט וויא זייא זאלין זיך אויף פירען אין דינסט מיט נאט אונ מיט דעם קייזער : ער האט זיך דאן בעצויגען אויף דעם פסוק "ירא בני אלהים ומלך" עש איז דאן פאר גאסין גיווארין בעך טרערין :

מיט איאר פריער פאר דעם אוקאז דאש מען זאל נעמען רעקרוטען האט דער זעליגער קאנסטאנטין וואש װאר אמאן פון גרויסען כאראקטער אברודער פון אלכסנדר דעם ערשטין (מנוחתו כבוד) זייענדיק אין קאוונע אויף ארעווייע האט ער נאך דער רעוויע גיזאגט צוא די יענעראלין אלע וואש ער האט זייא גילאזט ארום שטעלין זיך ארום אים דיזע ווערטער "גאספאדא איבער איאר װעלין מיר האבין נייעס אין אונזער ארמייע עס װעלין יודין אריין טרעטין אין דינסט" דיזע ווערטער זיינע האבין דורך צוקט וויא אבליץ אונטער אלע אידעשע גימיינדען · אונ זיי זיינען גיווארין ערשיטערט וויא דורך איינעם עלעקטירעטעט · דאך נור אויף אקליינע צייט · מען האט זיך באלד בערוהיגט · ערסטינס דורך דיא בריף פון די חאדעטייען וואש װארין דאן אין פעטערסבורג · דען זייא האבין גישריבין · דאש מען קען עס נאך מיט געלט פאר ריכטען · אונ צווייטינס דורך דיא רייסישע אונ װאלינער חסידעשע רעביאים וואש האבין דעם עולם פאר זיכערט אויף געווים דאש מען וועט פון אידין קיינע רעקרוטין נעמען : אונ וואש מען איין מאל נור ווינצט לאזט זיך זייער גלייך גלויבין :

בשנת) אין דעם יאר תקפ"ח צוא דיא ערסטע סליחות איז דער אוקאז אנגעקומען קיין ווילנא דורך איין פעלד יעגער ער איז גיקומען אלם דער עולם װאר באך אין שול אונ האט גיזאגט סליחות · אונ גיוואר גיווארין איז מען פון אים ערסט ארום צוועלף דעם זייגער ביי טאג · איך האב דער פון דער הערט שטייענדיג לעבין מיינע עלטערינס קראם אונ האב יענעמען דער וואש האט עס מיר אנגעזאגט גירופין ליגנער · דען מיט איינער האלבע שטונדע פריער װאר איך בייא איינעם געוויסען גביר אין שטוב ר' זאנוויל פערד

מארקער

מארקר וואש מיר האבין דאן געוואוינט אין זיין הויף · אונ עס וואר נאר קיין רייד נאך דער פון · דאך האט מיך דיזע נאכריכט העכסט בעאונרוהיגט · אונ בין אריין גילאפין זייער שנעל דארטין אין הויף אום צוא דער גיין דיא זאך אויף קלאר · איך האב אבער שוין פאר שפארט צוא פרעגין · דען איך האב עש שוין גיזעהען מיט מיינע אויגין · איך האב גיזעהען וויא עש שטייט אין מיטין הויף אנגעזעמעל אידען בערך אפאר הונדערט מענטשין אונ אין זייער מיטען שטייט דעם גבירים איידעם וואש וואר (אונ איז עס נאך איצונד) אוואול לערנער אונ אגוטער רוסאק אונ לייענט פאר זייא דיזען אוקאז וואש וואר שוין אפ גידרוקט אונ האט פאר נומען בערך צעהען צוועלף בויגין · ער איז גישטאנען אונ גילייענט אונ דער עולם איז גישטאנען אונ האט גיוויינט · דען דער אוקאז וואר געשריבין זייער שטרענגע · דיא ווערטער „בעז אט צאט אונ צערעז שטרויא" האבין זיך ווידערהאלט (איבער געהאזערט) אין יעדין פאראגראף :

דיזעם לעזין האט גידויערט מער אלס צוויא שטונדען · אונ בעפאר ער האט עס באענדעט איז אונטער גיקומען איין משרת פון קהל אונ האט גיבעטין די גבירים דאש מען זאל קומען אין קהל שטיבל אויף איינר אסיפה · אונ דר עולם איז זיך פאנאנדר גענאנגען ניבייגט אין דרייען · אונ וואו הין ? דאש האט קיינער ניט גיוואוסט · דען עש וואר דאן יעדען פינסטער דיא וועלט · אונ מען האט זיך ניט גיקענט האלטין אויף דיא פיס פון שרעק אונ פון מוטלאזיקייט · אונ אזו וואר מיר אויך · איך האב מיך קוים ארוים גישלעפט פון הויף אויפין גאס · אונ האב זיא ניט דער קענט · דען זיא וואר וויא אויש גישטארבין · אלע קראמען ווארין צוא אונ עש וואר קיין מענטש צוא זעהען · ווייל דער גאנצער עולם איז אוועק אין די שולען אונ אין דיא קלויזין אום דארטין הילפע פון דעם אייבערשטין באט אוים צוא בעטין · דער גרעסטער טייל פון זייא זיינען אוועק אין דער גרויסע שול אונ איך נאך זייא :

## 3.

## „דיא גרויסע ווילנער שול"

אונזער ווילנער גרוישע שול · איז ווירקליך איין מקדש מעט זיא שטייט טיף אין דער ערד מען שטייגט אין איר אהונטער אויף פופצעהן גרוזשע טרעפ · גיבויט וויא איין טעמפיל זייער גרויש אונ הויך · אונ זייער מאסיף (פעסט) זיא האט זייער פיל פענסטער אונ דאך אימער דונקעל גאנץ גישאפין צו שטימען דען מענשליכען גייסט צוא איינער הייליגען אנדאכט (נעמליכקייט) °) דאש מיט רעכט קען מען אויף איר זאגין דעם פסוק (מה נורא המקום הזה אין זה כי אם בית אלהים וזה שער השמים) עש איז אזו איין ארט וואש מער וויא איין מאל האט דארטין אונזער ווילנער געמיינדע אויש גיבעטין ביא גאט הילפע בעתות בצרה (אין די צייטין דער נויט °°) אונ אהין האט דאש פאלק גישטרעכט אויך אין דיזעם טאג אין פולער האפענונג דאש זייא וועלין זיך פאר געוויס ניט אום קערין פון דארטין מיט ליידיגין · אלס איך בין אין איר דאן אריין האב איך

דער

---

°) דיזע גרוישע שול איז גיווארין גיבויט אין דעם יאר של"ג :

°°) אונזערע זקני העיר דער ציילין אלס ווילנא וואר באלעגערט פון דיא רוסין האט פוילישר רזאנד גילאזט צוא זאמען טרייבען אלע ערוואקסינע מאנס לייט אויף דעם פלאץ לעבין ראט הויז אונ מען האט זייא אטאקירט מיט קאנאנען אום צו פאר ניכטען זייא אויף איין מאל ווייל מען האט זייא חושד גיוועזן דאש זייא האלטין פאר דיא רוסין · אידעשער רעגעמענט אבער מיט זייער גענעראל · דאש הייסט דיא קליינע קינדער מיט דעם גאון זכרונו לטובה גיווארין דאן אין דער גרויסע שול צוא גאסין אין גיבעטן אונ האבין הער הערט פון גאט · דען עש איז ארויף אויף דעם פלאץ

אפוילישער

דער וואוסט נאר עמליכע הונדערט מענטשין · דיא פני העיר זיינען גישטאנען געשטיצט אויף זייערע טראסצענעס · דיא קעפ אראפ בילאזין · דיא קאפעלוסען איבער די אויגין · שטום וויא די שטיינער נאר זייערע אויגין האבין גיגאסין בעך טרערין :

דיזע שטילע וואר אבער באלד אונטער בראכין דורך דרייסיג אדער פערציג אידעשע רעמיזניקעס וואש זיינען אריין אין שול · האבין צוא גיטראטין צוא דעם ארון קודש · האבין גיעפינט דיא טירעלעך אונ זיינען גיפאלין פאר אים צוא דער ערד אונ האבין גישריען מיט איינר גיוואלטיגער שטימע · א ! גרויסער גאט רעטער ישראלס זיין העלפער אין צייט דער נויט · אונז נאר אונזי זאל טרעפין דיין שטראף גערעכט · דען נאר מיר זיינען די זינדער מיר האבין גיטאן אלעס וואש נאר פאר באטין איז אונ פאר שוינע דיא איבעריגען דיא אום שולדיגען · דיזע טרויעריגע שצענע האט גיעפינט הונדערטע קוועלין פון טרערין · דען עש איז גיווארין אגרויש גיוויין קיין אויג איז ניבליבין טרערין לער · באלד דרויף האט אן גיהויבין דער חזן צו זאגין אויף דעם אלמעמער מיט איינער יאמער שטימע (יענך ה' ביום צרה) אונ טויזינדע מיילער האבין עס נאך גיזאגט מיט דער גרעסטע אינברונסט (התלהבות) · דען דיא שול וואר שוין דאן פול אונ פאק מיט מענטשין אזו דיא מאנעשע

און

---

אפוילישער ריטער איין האט גיטאן אגישרייא "ניע פאזוואלעם" האט מען זייא אלעמען פאנאנדער גילאזין · אונ ווען אונזער דור זאל וויסין וויא מיר זיינען אימער בעהאנדעלט גיווארין פון דיא פוילין וועלין אים דיא אייזערנע לאדין פון אונזער שול דער ציילין · דען מען האט זיי גימאכט אום צוא פאר היטען מיט זייא די פענסטער דאש דיא שטודענטין זאלין זייא ניט צוא ברעכין מיט שטיינער בייענדיק פון קלאס · דיא לאדינס זיינען נאך בייא דיא פענסטער וויא דאן צום אן דיינקען פון זייער שאנדע · גאט צוא דאנקין דאש מיר לעבין אונטער דעם רוסיסען שוץ :

און אזו די ווייבערשע און אזו האט דיזער קאפיטיל דארטין אהיעק נידונערט ביז שפעט אין דער נאכט אדער ביז סאמע סליחות · און אויף מארגין האבין אונזערע מורי הוראות שוין אויף גיעפינט אונזערין אלטין ארסענאל און האבין אונזער גימיינדע בעוואפינט מיט דיא אלטע וואפן (גיוועדן) פון אונזערין אלטין קיניג דוד המלך דאש הייסט זייא האבין ארויס גינומען פון זיינעם תהלים פאסענדע קאפיטליך · און האבין פאנאנדער גישיקט רשימות דער פון אין אלע שולין און קלויזין אום עס צו זאגין גאנצענע טעג און גאנצענע נעכט דארטין · און פון דיזען טאג אן און ווייטער וואדין אלע ניבעט הייזער אן גיפראפט מיט מענער · פרויען קינדער וואש האבין דיזע קאפיטלעך גיזאגט פאר מיטט מיט דיא שלש עשרה מדות נאר אן אויף הערונג ביז דיא אנדערע טעג סוכות מיט גרויסע בכיות און מיט תעניתים · עס וואדין דאן גיטאן גרויסע תשובות פיל צדקות איז גיווארין אויס גיטיילט נאר אן שיר און ערך :

4.

"דיא נייע משגיחים אדער אנפיהרער"

יעדעם פארגעניגען איז פון קורצין דויער · נאך קירצער איז יעדעם ענטציקען (התפעלות אדר בעגייסטערונג) אם קירצעסטין אבער איז דיא אנדאכט · דאש הייסט איינע געטליכע שטימונג אין בעטין · דען נאר משה אליין האט עס גיקענט וויא דער פסוק דער ציילט דאש גאט האט צוא אים גיזאגט (ואתה פה עמוד) דאש הייסט בלייב אויף איטער שטיין דא מיט מיר גאט · דאהער וואדין אונזערע ערסטע גיבעט וואש אונזערע קדמונים האבין אונז מתקן גיווען קורץ און בינדיג אזו וואר אויך דיא תפלה פון חנה · און אזו אויך אלע אנדערע תפלות און דאנק לידער וואש געפינען זיך אין אונזערע ספרי הקודש · וויא שלמה המלך זאגט · (האלהים בשמים ואתה על הארץ על כן יהיו דבריך מעטים) דאש הייסט וייל

דזא מענטש ביזט אויף דער ערד אונ גאט איז אויפן הימעל · דאהער דארף זיין דיין גישפרעך מיט אים ניט צוא פיל · דיזער פאל וואלט פאר געווים ניט אויסין גיבליבין דא בייא אונזער געשיכטע אויך · דען דער עולם האט זיך אפ געסודעט שוין אין דיא ערשטע צווייא טעג אין בעטין אונ אין וויינען · אונ וואלטין שוין פאר גיוויש זיך באלד בערוהיגט אונ גישוויגען ווען עש וואלטין ניט גיוועזן דער בייא צווייא וויכטיגע אור זאכין וואש האבין אויש גיפרעסט פון זייער ברוסט טיפע קלאגענדע זיפצער אונ פון זייערע אויגין הייסע טרערין · וויא מיט איינער פרעם מאסיגע · דיזע צווייא אור זאכין וואר · איינע דיא תשובה טעג · דען עש וואר דאן יום נוראים צייט וואש דאש פאלק וויינט אין איר אלע יאר גאר אזו אויך אן אשום גזרה נון וואר עש שוין אלם איינע אלטע גיוואונהייט צוא קלאגין אונ צוא וויינען אין דיזע טעג אום אזים צוא בעטין אגוטעם יאר · די צווייטע וואר דיא אזו גינאנטע משגיחים אדער מנהלים וואש האבין זיך מתנדב גיוועזן פון זיך אליין ניט צוא לאזין דעם עולם ניט אמינוט רוהען · אדער וויא מען זאגט ניט עטעמען · דיזע לייטע ווארין מענטשין פון קליינעם שטאנד · דאש רוב בעלי מלאכות אטייל ארעמע לומדים פלעגין אום צוא גיין בייא נאכט איבער דיא גאסין פלעגין צוא קלאפין אין דיא טירין אין דיא לאדענס אונ פלעגין צוא שרייען וואש שלאפט איר דיא וועלט שטייט אין פלאמען · ישראלים צעלטען ברענען · שטייט אויף צוא עבודת הבורא גיסט אוים וויא וואסער אייערע הערצר פר גאט אונ בעטעט ווענין אייערע קליינע קינדער · א ! איר צערטליכע (הייסע) מאמעס שרייט צוא גאט · באטעם טויערין זיינן אפין איצר אונ בפרט אין דיא תשובה טעג · הערט איר וויא מען שרייט אין דיא שולען שוין (יענך ה׳ ביום צרה) פון צעהען דעם זייגער אונ איר פוילענדע פערגינט אייך נאך צו שלאפין · זייא פלעגין עש צוא שרייען מיט איינער הויכע קלאגענדע שטימע · דאש עש האט אויף גישרעקט קינדער אין דיא וויגין אונ צוא ריסען דיא באנדען פון שלוסער · אונ מען איז אוועק

אין

אין דיא שולען קליין אונ גרויש אונ מען האט אוועק געזאגט תהלים מיט שלש עשרה מדות ביז סליחות · אונ נאך דעם דאוונען האט מען ווייטער געזאגט תהלים · מען האט פאר לאזין אלע געשעפטין · עס האט אויף ניהערט דער קרעדיט · ווייל יעדערער האט נימיינט דאש עס וועלין ווערין אלע אידין סאלדאטין :

עס וואר אפילו דאש נגד דעם רצון פון דיא מורי הוראות : ווער אבער האט זייא ניהערט · דיא משגיחים האבין אין גאנצין בעהערסט דעם המון עם · זיי אליין האבין שוין גימאכט רעליגיאזנע רעצעפטין · האבין נימאכט רשימות פון שטיקער פיוטים פאר מישט מיט יהי רצונס פון כמה קבלה ספרים אונ מיט וידוים · דען עס וואר איינער אונטער זייא וואס וואר ווירקליך איודע סבר אונ וואש האט זיך ניהאלטין פאר אבעל מקובל · איך גידיינק צוואר זיין נאמען נאר ער איז שוין איין שוכן עפר · אונ וויל אים אזו ניט שטערין פון זיינעם בלייערנעם שלאף : דיזע משגיחים פלעגין ארוים צוא שיקין איבערין שטאט אלע טאג אנדערע בחורים אונ מוידין מיט קערב אום צוא קלייבין ליכט אונ געלט אום צוא קויפין תהליםס · אונ פלעגין צוא קאמאנדעוועין דורך זייערע פאסלאנצעם אין אלע קלויזין וויא מען זאל דאווענען מנחה ציא אין טלית אונ תפילין ציא אן טלית אונ תפילין ציא זאל מען לייענען ויחל צוא מנחה ציא זאל מען ניט לייענען · אויך פלעגין זייא ארוים צוא שיקין גאנצע אטראדען (שוואדראנען) ארעמע אינגלעך אויף דעם בית עולם דורך פאר שיידענע גאסין וויא איינע אטאקע מיט איין יאלעווער מלמד לבד פרייא וויליגע (אהאטניקעם) וואש פלעגין זיך אליין מיט ניין אויך האבין זייא אוים גיווירקט דאן בייא דיא בעניסקעם וואש עש האט דאן ניהערט צוא זייא דער גרינער בריק · דאש מען זאל ניט נעמען קיין בריק געלט פון יענע וואש גייען מתפלל זיין אויף דעם בית עולם · קורץ דער פון דיזע לייט ווארין דיא גאנצע רעדעל פיהרער דאן · זייער שטאליצע וואר דאן דיא קברנימשע שול ·

אונ

אונ פון דָארְטִין פְלֶעגִין אַרוּים צוּא קוּמֶען אַלֶע טָאג דִיא
בַּייעָ רֶעלִיגְיֶעזֶנֶע אוּקַאזֶען אונ מָען הָאט זַייא גֶעהָארְכְט וִויא
דִיא קְדוֹשִׁים ·

## 5.

## „דֶער בֵּית עוֹלָם"

אִין דִיזֶע יָאמֶער טֶעג אִיז דֶער בֵּית עוֹלָם זַייעָר שְׁטַארְק
בֶּעזוּכְט גִיוָוארִין פוּן אַלֶע קְלַאסִין מֶענְטְשִׁין עֶשׂ וַואר זִיךְ נִיט צוּ צוּא
שְׁלָאגִין גִיוֶועזְן צוּא קַיין רַבָּנִים שְׁטִיבֶּעל · אונ אַזוֹ אוֹיךְ אוֹיף יֶעדִין
זְנַאצְנֶעם קֶבֶר · מֶען אִיז גִילֶעגִין אַיינֶער אִיבֶּער דֶעם אַנְדֶערִין אונ
מֶען הָאט נִיט גִיוַויינְט נָאר גֶעשְׁרָאוֶועט · מֶען הָאט קַיין זַאךְ גִיבֶּעטִין
נָאר מֶען זָאל קַיין סַאלְדַאט זַיין · אַמוּטֶער אַיינֶע וָואשׂ בַּייא אִיר
אִיז גֶעשְׁטָארְבִּין אַזוּן כוּן אִיאר זִיבֶּענְצִין · הָאט אַרוּם אִיר טוּטֶען זוּן
גִיטַאנְצְט מִיט גְרוֹיס גֶנְצִיקֶען (פְרֵייד) אונ הָאט גִידַאנְקְט נָאט דָאשׂ
זַייא הָאט זוֹכֶה גִיוֶועזְן צוּא בְּרֵיינְגֶען אִים אַלְס אִיד צוּא קֶבֶר יִשְׂרָאֵל ·
אוּנְד פִילֶע פְרוֹיעֶן הָאבִּין אִיר מְקַנֵא גִיוֶועזְן · אונ הָאב אַזוֹ אוֹיף אִיר
גִילַייעֶנְט דֶעם פָּסוּק (והפכתי, אבלם לששון) אונ אַזוֹ אִין כְּלַל הָאבִּין
פִיל מְקַנֵא גִיוֶועזְן דִיא מוּיטֶע אַלְס דִיא גְלִיקְלִיכְסְטֶע לֶעבֶּענְדִיגֶע ·
אִיךְ זֶעלְבְּסְט וָואשׂ אִיךְ בִּין גִינַאנְגֶען כְּמְעַט אַלֶע טָאג אוֹיף דֶעם בֵּית
עוֹלָם הָאבּ זִיךְ גִיזֶועגְנְצִין דֶעם טוּיט · אונ פְלֶעג זִיךְ שַׁיידִין פוּן דִיא
קְבָרִים מִיט דֶער גְרֶעסְטֶער וַוייהֶע מוּטָה · אִיךְ גִידֵיינְק דָאשׂ אִיךְ הָאבּ
אַוֶועק גִיטַאנֶעט בַּייא דֶעם קֶבֶר פוּן אַיינֶעם גֶעוִויסֶען קָדוֹשׁ וְטָהוֹר
אַנוּטֶע שְׁטוּנְדֶע מִיט וַוינְטִיגֶע טַעֲנוֹת · אונ הָאב נָאךְ דֶעם גִיוַוארְט
אַהִיבְּשֶׁע צַייט אוֹיף אַתְּשׁוּבָה אונ וַואר אַזוֹ גֶעוִוים דָאשׂ מַיינֶע רֵייד
זַיינֶען אָן גִילֵייגְט דָאס וִויא אִיךְ הָאבּ נָאר דֶער זֶעהֶן אַיינֶעם פְרִישִׁין
מֶענְטְשִׁין וָואשׂ אִיז גִיקוּמֶען פוּן שְׁטָאדְט בִּין אִיךְ אִים גִילָאפִין
אַנְטְקֶעגִין צוּא הֶערִין פוּן אִים יְדִיעוֹת :

אוֹיךְ וַואר דֶער צַיילְט דַאן פִיל גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער · מֶען הָאט
אָן גִישְׁפִּירְט דָאשׂ דִיא זוּן גֵייט אוּנְטֶער צוּא פְרִיא · דֶער הִימְל אִיז

צוּא

צ״א רוים · מען האט אויף געוויזען רמזים אין אלטע ספרים דאס
מען וועט אין הייבין צוא נעמען אידעשע זעלנער אין דיזען יאר ·
אנדערע האבין אויף געוויזען פאר קערט דאס דיא גזרה וועט בטל
ווערין · האבין עס באוויזין פון דעם פסוק (הפח נשבר ואנחנו
נמלטנו) פ״ה איז כרמז אויף דעם יאר ״תקפ״ח״ · נון הייכט עס
אלס דיזעס יאר וועט זיין צוא ענדע וועלין מיר גירעטעט ווערין ·
מער פאר אלץ וואר דער צייל׳ט פון הלומות · עס וואר דריבער בריף
גישריבין פון איין שטאט אין דער אנדערער שטאט · ווער שמועסט
שוין אלס עס האט זיך דאן גימאכט עפעס ארעכטער מת דאן וואר
אים פון טויזינד שטימען איין גישרען אין אויער דאס ער זאל גען
דארטין איין מליץ.טוב פאר אידין אונ זאל דער ציילין וואס דא
טוט זיך אפ · אונ דער צוא וואר גיוויינט אונ גזאגט ״איר גייט אייך
למנוחה אונ מיר בלייבין דא לאנחה״ אונ פאר ביסן מיט די ווערטער
״ביי וועמען לאזט איר אונז?״ · דרשנים אונ ספדנים האבין שוין קיין
שטימע גיהאט זאגענדיג אלץ דען זייא ווארען הייזעריק וויא דיא
וואנט · עס האבין זיך דאן גיפונען זאגערלעך אזוא פיל וויא
מולארעס פאר פסח · ווייל מען דארף מער ניט וויא מיט דעם
פענזיל באצעקען · אזו האט מען דאן ניט גיפאדערט ·פון אזאנער
תורה נאר וויינען זאל ער קענען אונ ווייטער ניט · אזו ווייט וואר
מען דאן צוא שראקין אונ דער צוא פאר דומט · דאס רוב זאגערס
האבין אין דיזער גזרה איין גיזעהען גאר משיח צייט אונ האבן עס
באוויזין פון של״ה אונ נאך ספרים אונ מען האט זיך גיריכט אלע
ווייטע אויף נסי נסים · אונ אזוא פלעגט מען צוא ליגין גאנצענע
טעג אויף דעם בית עולם אונ מען האט גערישען קברים גאר אין
אויף הערונג ביז ערב סוכות · אויך אום חול המועד סוכות וואר
מען דארטין גאנצענע טעג · אין דער נאכט פון הושענא רבה האט
דער משגיח דער בעל מקובל דארטין גימאכט אגרויסע צערעמאניע
מיט דרייא גרויסע ווערקסענע ליכט וואס ער האט גישטעלט אין
די גרעסטע רבנים שטיבליך · כמה הונדערטע מענטשין האבין זיך

ביית מיט

מיט אים טובל גיוועזען אין ווילנא אונ האבין דער נאך גירימט דארטין אויך די דעכלאך · האבין גיפראוועט דארטין השבעות מיט אספר תורה אונ דיזעם אלעם וואר נגד דעם רצון פון אונזערע מורי הוראות וואש וואהרין דאן גרויסע מענער · ר׳ אבעלע · ר׳ שלום אונ־דאש גלייכין · דען ווער קען איין האלטין איין ווילדין פעבעל · צעהען טויזינד חכמים קענען ניט אפ פירין אפעבעל (המון עם) פון די דומהייטין אין וועלכע זייא זיינען פאר פירט גיוואהרין דורך איינעם איינציגין באטריגער אדער דורך איינעם בעל דמיון · וויא דער פאל וואר בייא דעם שבתי צבי אונ נאך איצונד בייא זיינע סעקטין וואש זיינען גיבליבין נאך אים :

## 6.

„דיא שטימונג דעם פאלקעס אין דיזע טאגען אין ווילנא“

דיא גאנצע אידעשע נאציאן וואר דאן פאר זונקען אין איינעם טיפין מרויער · עש וואר פערנאכלעסיגט אלער האנד גישעפטין · עס וואר קיין שידוך ניט גישלאסין · אונ פיל גישלאסענע וואהרין אפ גילאזין · פיל האבין זיך פאר פארטיגט אוועק צוא פאהרין קיין ארץ ישראל · פיל האבין זיך גיהאפט צוא גילדעס · דער וואש וואר איין קריפעל (אקיילעקע) וואר איין גיהאלפענער · אבען יהיד וואר אגליק · איין אויגענער · אהינקענדער · אהארבעוואטער וואר אמיוהם · אשבר וואר איהוסן איבר אקאלטין ווארין שוין דעות °) מאנכע האבין זיך גימאכט.

---

°) עס וואר אדישפוט אין אגעוויכע ארט צוא ווישין צווייא ארדענערע מענטשין צו קרעץ איז דער צו אהסרון אדער ניט אונ ווען יוא אין דאך כדאי דאש מען זאל אלע איננלעך מאכין התונה וועלין זייא באקומען יונגע קרעץ וועט מען דאך שוין קיין קליינע קינדער ניט נעמען · נון האט איינער גיזאגט (נהי דלדידן לא הוי מומא לדידהו הוי מומא) דאס הייסט ווען אפילו ביי אונז איז עס קיין

חסרון

גימאכט אליין פאר קריפלעך · פיל זיינען צו לאפן · פיל האבין זיך באהאלטין אין אלע שולין אונ אין אלע בתי מדרשים וואר זייער שטארק געשטריטען (זיך מפלפל גיוועזן) איבער דעם ענין פון צערערע דען מען האט ניט פאר שטאנען וואש דאש בעטייט אדער מען האט ניט גיוואלט פאר שטיין · דער צוא נאך האבין אונז דיא פוילין גישאטין זאלץ אויף דיא וואונדין · דען וואו מען פלעגט נאר באגעגענען אאידין האט מען אים גיר ופין רעקרוטו אונ פלעגן קומען הויפינם וויים אין דיא שולין אום צוא זעהען אונ צוא שפאטין וויא אידין בעטין אונ וויינען · דיזער שפאט איז זייא איבער אויער זייער טייער באצאלט גיווארין דען עס איז גיקומען איין באפעל דאש מען זאל זייער שטרייננ אונטער זוכין דיא הערעלדע (דיא שלאבעטנע זכיות) פון יעדער פריץ · נון ווארין פילע הערעלדעס גיפאסעלט · דאש מער וויא העלפט פריצים אדער שלאכטעם זיינען גיווארין אדנא דווארצעס אונ זיינען ארונטער אונטער דיא קאטעגארע (קלאסע) פון רעקרוטסקע פאווינאסט חיא מיר אידין אונ נאך מיט איין גראד מעהר · דען זייא האבין גימוזט אפ געבין רעקרוטין אויך פאר דיא גאנצע פאריגע צייט וואש עס איז איבער גילאפין פון דעם ערסטין קריסטליכען נאבאר ביז אהער וייל זייא זייגען דאך מחוייב גיוועזן צוא געבין שוין דאן נאר זייא האבין זיך ארוים גימאכט דער פון מיט זייערע פאלשע הערעלדעס · אונ האבין אזו גימוזט געבין צווייא מאל אין יאר רעקרוטין · אונ ביא יעדין מאל צווייא מאל

אזו

---

הסרון ביא זייא ביניהם איז עס אבער יוא אחרון · והראיה מען טרייבט ארוים פון דיא קלאסין יעדען שטודענט וואש איז נאר קרעציק · דער אנדערער אבער האט אים איין גיוועזענדעט · דאש איז קיין ראיה · אשטודענט וויל מען ניט היילין · אזעלנער אבער ווערט מען היילין דען צוא וואש דען האבין זייא מתקן גיוועזן שפיטאלין וואיענע · יעצט אבער איז שוין קרעץ ביא אונז אידען אויך אוים מאדע · מען איז שוין ריין אויך נאך דער חתונה :

אזו פיל אלס מיר האבין גיגעבין · אין איינינע יאר ארום וואר שוין איין אוקאז דאש דיא קינדער פון דעם גרעסטין אדעל מוזין אויך אריין טרעטין אין סלוזבע אונ ווער פון אונז האט נאר גיוואלט זעהן נקמה אן זייא האט גיהאט וואש צו זעהען :

אין דיזע טאגין וואַרין גרויסע אסיפות · אונ עס איז גיבליבין דאש אייניגע נכבדים זאלין פארין קיין ווארשע אום צוא בעטין קאנסטאנטינען (מנוחתו כבוד) דאש ער זאל זיך פאר ווענדין בייא זיינעם ברודער דעם זעליגין קייזער ניקאלייא (מנוחתו כבוד) דאש ער זאל ערלויבין זיך מיט געלט צוא לייזען · ווייל דיא יודין זיינען פון נאטור איין שוואכעס פאלק · עס וואַרין אונטער דיזע דעפורטיטען ר' שואל פינסקער ז"ל אונ איינער פון דיא צייטלען אונ נאך מערער דיזער גוטער פירסט האט זייא זייער שיין אויף גינומען · אונ האט מיט זייא פריינדליך גישפראכין · אונ זייא איינגעלובטען (ערקלערט) דאש זייער ביטע איז גאנץ אונשיקליך · אונ דאם ער ועט מיט זיינעם פאר ווענדין זיך פאר זייא גאר ניסט ווירקין · דען עש איז שוין דר קייזערליכער אוקאז ארויס · אונ האט זיך דער בייא באדינט מיט דעם אוים דרוק (מי יבא אחר המלך אשר כבר עשהו) דאש הייסט וואש איין קייזער איין מאל באפוילין האט דארף ניטאנד איין ווענדן · אגב האט ער זייא איין געוויזין דאש יודען גיבין רעקרוטין אין אלע לענדער · אונ האבין דער בייא קיינע איין ווענדונג גימאכט · אונ זיינען אזו אוועק פון אים גאנץ אונפעררריכטעטר זאכע · באלד אבער נאך דעם איז גיקומען פון אים איין בעפעל אין אלע רעקרוטסקע קאמיסיעס דאש מען זאל זיך באגיין מיט אידעשע גימיינדין בייא זייער רעקרוטין אפ געבין זייער מילד ווייל זייא זיינען נאך ניישלינגע (פריצען) אין דיזער זאכע · אויך וואר דאן זייער שיין פון דיא רעגירונג · דאש מען האט אונז פון איהרער זייטע (מצדה) ניט גישטערט אין אונזערע פובליצנע געווייגע אונ געבעטע · דר אלטער בית עולם וואר געגין דעם ארסענאל · וואש עש האבין דארטין גיקוואטירט גרויסע יענעראלען אונ נאך אנדערע גרוישע

ציגאווניקעס

צינאוויקעס וואש ווארען העכסט בעאונרוהיגט אין דיא צייטען פון דעם גרויסען געוויין ביי טאג און בנאכט און דאך האבען זייא עס גערולדעט און האבען נאך אמאל אפילו ניט געשיקט בעטען דאש מען זאל ניט מאבין לארעם °)· נאך איידעלער און מענטשען פריינדליכער האט אונז דאן באהאנדעלט דער זעליגער וואינער גובערנאטער קארסעקאוו · ערסטענס האט ער אליין באזוכט דיא ערסטע יונגע מענטשען וואש זיינען געחאפט געווארען פון קהל אום אפ צו געבען זייא אין דער קאזארמע וואו זייא זיינען געזעסען · און האט זייא געטרייסט מיט זייער זיסע און פריינדליכע ווערטער : האט זייא פאר געשטעלט דיא סלוזבע פיל לייכטער אלס זיא שיינט און האט זייא אויך בעשאנקען · צווייטינס אלס קהל זיינען געקומען צו אים בעטין דאש מען זאל זייא ערלויבין אפ צו געבין דעם ערסטין נאבאר אן צערעדע האט ער זייא געענטפערט איך וועל אייך דיזעס מאל דאש ערלויבין · דאך זאלט איר דיזע שולד געמען אויף אייך · דען דאס איז דאך דיני נפשות · איך וויל עס צו מיינע עלטערע יארין ניט נעמען אויף מיין געוויסען· און וויא מען זאגט זאל ער דיא אויגין דער ביי געוויסט האבין :

## 7.

### „ראש השנה און יום כפורים"

אין דעם זיינען אן גיקומען דיא היילינע טעג ראש השנה און יום כפור וויא גירופין · און ווער עס האט נאך גיהאט אפ געשפארטע טרערין האט זייא אויס גיוויינט אין זייא · דען דער עולם אין כלל האט

°) און אין יענע יארין גראדע איז מען זיך באגאנגען מיט אונזערע ווילנער יודין אזו ווייט אונהייפליך דאש מען האט אונז פאר ווערט צו לוסט וואנדעלען אויף דיא שפאציר גיינגע וואש ווארין גימאכט לעבין ארכענאל פאזע ווילינע געגין דעם בית עולם : באלד

האט אפפעללירט צו זיין (אפעלאציע גינומן) וויא איין פר משפט צו סענאט · נאך איז אין קיין ימים נוראים גידאוינט גיווארין מיט אזוא איראה אונ מיט אזו איינער אנדאכט · דען יעדערער באזונדער האט דאן שוין ניט גיהאט צוא בעטין ביא גאט איין עטוואש פאר זיך אליין, וויא אלע יאר · ניין אין דיזעם יאר וואר נור גיבעטין איינע זאכע דאש דיא גזרה פון רעקרוטין זאל בטל ווערין · אונ יעדער וואר ביא זיך געווים דאש מען ווערט וואש גוטעס אויש בעטין ·

עש וואר מיר דר דאוונן אין דיזע היילינע טעג אזו זיס אזו אנגענעהם דאש עס האט זיך מיר גאר ניט גיוואלט פון שול ארויש גיין · דיא בעטענדע געזיינגע פון דעם חזן וואש וואר צוא נאסין אין ווייגען וואר איין באלזאם דאן צוא מיינער פאר וואונדעטע זיילע · זיא וואר דער פון עפעס וויא איין געוויגט אונ פאר זעצט אין איינער בעסערין וועלט · דיא טעג פון עשרת ימי תשובה ווארין צוא גיבראכט פיל מער אנדעכטיגער אלס איין גיוויינליכער יום כפור · מען האט גיפאסט אלע טאג אונ מען איז ניט ארויס פון דיא שולין · אונ ווער קען באשרייבין דיא שצענען פון דעם ערב יום כפור פאר נאכט · עש וואר אין יעדעם הויז ניט געוויינט נאר געיאמערט · גיקלאגט · מען האט זיך גיזעגינט מיט איין אנדער וויא מען וואלט דארפין גיין צום גיוויסען טויט · איינע גאנצע שטונדע האב איך אויס געריטען אונטער דיא הענט פון מיינעם זעליגיי פאטער · אלס ער האט מיך גיבענטשט פאר זיין אוועק גיין אין שול אן גיטאנערהייט אין טלית אונ קיטעל · ער האט מיך באנעצט מיט זיינע טרערין וואש זיינען גיפאלין פון זיינע קלוגע אויגין וויא איין שטארקער מארגין טווא

אויף

---

נאך דעם ערשטין נאבאר האט מען (פיליכט איבער דעם) פאר ווערט דארטין מקבר צוא זיין · אונ מען האט גימאכט איין נייעם בית עולם · אין דעם איינ אונ דרייסיגסטין יאר האט מען אים צוא גראבין ווייל מען האט אויף אים באטעריען גימאכט · נור וואר דאש פערקערין אטובה ·

אויף איין נאט גיבענצטעס פעלד · זיין ברכה איז באשטאנען נאר אין דעם דאש איך זאל אאיד בלייבין · וויא נאט וועט מאכין מיט מיר זאל איך פון זיינעם וועג ניט וייכין · אונ דער בייא גיבענצט דעם כלל ישראל · מיין יונגעס הערץ האט דער בייא ניט וייניג גיליטין · איך האב גיוויינט געשלוכצט · אונ עש וואר מיר דאן צוא מוט וויא אונזערין פאטער יצחק צוא דער עקדה · קוים בין איך ארוים איין לעבעדיגער פון אונטער זיינע הענט · איז ארייין אין שטוב מיט אגרוים גיוויין מיינע אגרוים מוטער · אונ האב אזוא גימוזט אויך אונטער אירע הענדע מאנכע האלבע שטונדע אויש ליידין · איך האבע אבער שוין ניט גיוויינט דען איך האב שוין קיין טרערין אונ קיינע כוחות גיהאט · אונ וויא עס וואר גיוויינט אין דיא הייזער אזו וואר גיוויינט אויך אין דיא גאסין · עס וואר געווים קיין גרעסערעס געוויין אין דעם טאג פון חורבן ירושלים · יעדערער וואר פאר צווייפילט וויא דאמאל אונ נימאנד האט דאש לעבין גיאכטעט וויא דאן · אונ קיינער האט נאר ניט גיבעטין אויף לעבין · אזוא וויים וואר מען איין גישראקין פאר דעם ענין פון רעקרוטין :

נון וואר מען אין שול דיא גאנצע פיר אונ צוואנציג שטונדין וואך · מען האט גיבעטין · שיר היחוד גיזאגט · מגידים גיהערט · עס וואר יעדע מינוט צוא טייער אום אין איר ניט צו פאר ברייגען · דען דער טאג וואר צוא קורץ אום זיך אויש צוא שפרעכין אין אים מיט דעם ליבין גאט אלעס וואש מען האט אויף דעם הארצין · אונ אזו האט מען זיך גאר ניט ארום גיזעהען וויא דער טאג איז זיך איבער גילאפין אונ עס האט זיך אזו גאר ניט גיוואלט ארוים גיין פון שול אזו היימיש האט מען זיך דארטין גיפונען · דען מען וואר דארטין וויא אונטער גאטעס פליגיל דער צוא נאך בעלעבט מיט איינער גוטין האפענונג דאש גאט וועט באלד וואונדער טאן · אונ פיל וואונדער וואריון דאן אויך ווירקליך ערציילט וויא מיר האבין שוין פריהער גישריבין · אונ מען איז אזו ארוים פון שול

מי־

מיט ווייהעמוט אונ מיט דעם פאר שפרעכין דאש מען וועט באלד ווידער קומען · אונ מען איז ווירקליך באלד ווידער גיקומען אונ ווייטער תהלים גיזאגט ·

## 8.

### „סוכות"

אויף מארגין נאך יום כפור וואר מען אין פיל ערווארטונג גוטע נייעס צוא הערין · אונ וויא עס גייט צוא אום אונ אום דאש מען זעהעט וואש מען וויל זעהען אונ הערט וואש מען וויל הערין אזו וואר דיזער פאל אויך דא · מאנכע וואונדער זיכטיגע (דאש הייסט אזעלכע וואש דער ציילין איכער פון מופתים) האבין אן גיהייבין צוא דער ציילין דאש עס זיינען דא גוטע בריף פון ארץ הקדושה אונ דאש גלייכין פון מקום הגדול · עס וואר צוואר דער ציילט אלץ בסוד · אונ דאך האבין אלע דער פון גיפלוידערט · אונ בייא אלעם דעם האט מען זיך דאך ניט אפ לאזין פון תהלים זאגין אונ פון תשובה טאן · אונ אזו וואר מען בין יום כפור לסוכות אויך ניט רוהיג פון תהלים זאגין · מיט איינער האנד האט מען גיבויט דיא סוכה מיט דער אנדערער האנד האט מען צוא גיהאלטין דעם תהלימעל · עש וואר געוויינט אויך בייא דעם מאכין אלס מען האט פאר גליכען די פארינגע סוכותין צו דעם איצטיגין · אונ אום סוכות האט מען זיך אזו גאר גישעמט צוא זאגין דיא ווערטער (זמן שמחתנו) · דען עס וואר נור טרויער איבער טרויער · קיים פלעגט מען אפ צוא דאווענען אונ אפ עסין · היידא איבער אנייעס אין שול תהלים זאגין : מגידים הערין · אונ דער וויילע צוא שמועסין דארטין מיט אנאנדער וועגין דיא גוטע בריף וואש הערט זיך דארטין · אונ יעדערער האט אלץ גיהאט וואש אנדערש צוא דער ציילין · עס וואר · אבער אלץ מער ניט וויא דער ציילט · אונ מען האט זיך נאך אלץ ניט בארוהיגט · דאהער וויא עש איז גיקומען דער טאג וואש איז פאר דער גאכט פון הושענה רבה · האט זיך דאש

גיוויין, ערנייערט מיט נאך מער פריסקייט · מען וואר פול אין אלע
שולין · קלויזין · קלייזלאך · עס וואר גיזאגט סליחות · תהלים אונ
משנה תורה דער צוא מגידים אונ מוכיחים גיהערט · אויף דעם בית
עולם האט גיקאכט וויא אום צום גדליה מען וואר דארט מיט ליכט
מיט ספרי תורות וויא מיר האבין שוין פריער גישריבין אלץ דער
ווידער דעם רצון פון אונזערע דאמאליגע מרי הוראות : דעם פעבעל
(המון עם) איז צוא פאר גלייכין צוא פייער · עס איז פון גרויסין
נוצין כל זמן עס איז איין גיצאמט דאש הייסט גוט בעוואכט דאש
עש זאל ניט ארויס פון זיינעם באשטימטען ארט למשל וויא
פון אויבין · פון קיך · ווייהע אבער ווען עס זיך פון דארטין ארויס
חאפט דיא פרייע טאכטער דער נאטור · אונ וואנדעלט אום · אויף
אייגענער שפור (טריט) · עס איז שוין שווער איר איין צו האלטין
פון איהרעם שעדליכען וואלטין · אזוא אויך מיט דעם פעבעל ·
באקומט ער איין מאל דיא מאכט · דא ווערט עש אלעם פאר קערט
גימאכט · אונ שאדין וויא איין פרייעם פייער וואש פאר צערט
וואש נור מיגליך ארום זיך זייער גיך דער גאנצער סוכות אין כלל
האט אויש גיזעהען העכסט טרויעריג : עס וואר גידאווינט וויא
אום תשעה באב · עס וואר קיינע פריידען שטימע צוא הערין ·
קיין גוט יום טוב ביטער צו זעהען · קיין שפאציר גייער באגעגינט ·
עס ווארין דיא אידעשע גאסין וויא אויס גישטארבין · וויסט אונ
לער · דען מען וואר ענטוועדער אין דיא שולין אדער אין קהל
שטיבעל בייא איינער אסיפה · דען אסיפות ווארין גימאכט
טאג טעגליך ·

## 9.

### „שמיני עצרת"

דער פעבעל (המון עם) איז אויך נור איין קינד · דאהער
וויא נור עטליכע הונדערט פעבעל מענטשין קומען צוא זאמען
זעלבסט ערליכע לייט מוז שוין דיא פאליצייע אויך זייא אכטונג

געבין דאס זייא זאלין ניט איינער דעם אנדערין דיא נעזער אפ רייסין ׳ אונ דאהר אויך דר לייבטר איבער נאנג ביא דיזע לייטען פון ווייגען צום לאכין ׳ וויא עס פאסירט זיך אלע מאל ביי קליינע קינדער ׳ אונ דיזער פאל וואר דא אויך ׳ דען וויא עס וואר שטארק ביז אהער דער גיוויין ׳ אזו וואר גרויס אויך דיא פריידע אום שמיני עצרת וויא מיר וועלין דא אלעס גיהעריג דער צייליין ׳ שמיני עצרת נאך דעם דאוונען אלם איך בין מיט מיינעם זעליגין פאטר גיזעסין אין סוכה ביא דעם צימעם איז איינער אריין גילאפין צוא אונז מיט גרויש שמחה אונ האט אונז אן גיזאגט דאש דיא גזרה איז בטל גיווארין ׳ אונ מיר האבין אים גיגלויבט ווייל עס האט זיך גיוואלט גלויבין ׳ מיין פאטער אבער וואש וואר איין גיזעצטער מענטש מיט אגיזונטין מענטשין פאר שטאנד האט זיך באלד באזינט אונ האט אן גיהייבין צוא צווייפלען ״וויא איז עש מיגליך״ האט ער זיך אפ גירופין דאש איין קייזערליכער אוקאז זאל ווערין בטל ׳ דאך דיזער צווייפעל איז גיווארין באלד דער שטיקט דורך דעם פריידען לארעם וואש איז גיווארין אויף דעם הויף ׳ מיר האבן מקצר גיוועין מיט דעם צימעם ׳ אונ מיר האבין באלד אפ גיבענצט אונ זייגען ארויס אויף דעם הויף וואש וואר בעוואונט פון זייער פיל מענטשין ׳ אונ האבין עש נאך גיפרעגט ׳ אונ אלע האבין דער ציילט מיט איינעם נוסח דאש עס זיינען גיקומען בריף פון מקום הגדול דאש דער קייזער זעלבסט האט דיזען אוקאז מבטל גיוועין אויס געוויסע אור זאכין אונ דיא קלויזנער האבין שוין דער ביא דער ציילט אמופת מיט אחלום ׳ מיין פאטער וואש וואר נאך דער מיט ניט צוא פרידין האט עש נאך גיפרעגט ביא איינעם וויכטיגין מאן וואס וויא מען רופט זנייעט דיעלע׳ אונ דיזער האט אים גיענטפערט דאש עס זייגען דא בריף איז מער וויא געוויס ׳ דאך מען וויל זיך נאך דר מיט ניט ארויש ווייזין ׳ אונ דער לעצטער פונק פון צווייפעל האט זיך ביא אונז אויס גילאשין אלס מיר האבין גיזעהן דאש הונדערטע מענטשין לייפין אן גארטלען אונ אן היטלען

דיא

וויא וואנזיננע אין גרויסע שול אום צוא זאגין דארטין הלל הגדול · איך בין אויך אהין גילאפין · איך האב אבער שוין קיין פלאץ ניפונען וואו אנאז אריין צוא שטעקין· דיא שול וואר פול אונ פאק זעלבסט דער גרוישער שול לייטער וואר בעזעצט מיט מענטשין פון אונטין ביז ארויף · אונ מען זאגט הלל הגדול מיט אגרויסין ברען · אונ אלע ווייליע איבער נייעס :

אין יענע צייטין וואר אין ווילנא איין גרויסער נכבד וואש מען האט אים גירופין ר׳ בינע פישעלס · יעצט וואלט ער הייסין הערר נאטעןזאהן · דיזער מאן וואר איין גרויסער וועלט מענטש · איין משגיח איבער ווילנער אידעשין ביקור חולים אונ איין גרויסער מקורב ביא דעם דאמאלדיגין גובערנאטער „האָרען איין דייטשער" אונ דיזער האט גיוואוסט אויף קלאר דאש נור מאנכע אידעשע פיינדע האבין אונטער געשיקט אזעלכע פאלשע בריף פון מקום הגדול אם ווייניגסטין אזעלכע פארדארבענע מענטשין וואש האבן גיוואלט מוציא זיין פון דעם כלל · אונ איז דאהער גיקומען וואש צום גיכסטען אין שול איז ארויף אויף דעם אלמעמער אונ האט אן גיהייבין צוא שרייען מיט קולות „אהיים ! אהיים · עס איז ליגין · שונאים זיינען דא אין שפיל · מען בעטריגט אייך" דיזע ווארע אונ קלוגע רייד פון דיזעם וועלט מאן וואר געשפראכין אין ווינט · מען האט אים ניט גיהערט מען האט גיזאגט אונ גיזאגט הלל ביז הקפות · אונ ער האט גיהאט צוא דער ציילין נסים דאש ער איז גיבליבין לעבין · דען דער פעבעל האט אים גיוואלט שטייניגען וואש ער איז מונע כמה אלפים אידין גאט צוא דאנקין אונ פאר שטערט זייא דעם יום טוב · אונ אזוא וואר אוועק געהולעט דער גאנצער שמחת תורה מיט דער אויס גילאסענסטע פריידע מען האט גיטאנצט אין דיא גאסין מען האט זיך גיקוסט · אונ ארום גינומען זיך מען האט גיוויינט אויש פריידין אונ מען האט זיך אן גידערציילט וואונדער איבער וואונדער · פון ווילנא האט זיך דער ליגין אויס גיבריימעט אויך אין דיא קליינע שטעט · אין דיא

דערבער

דערפער אונ דארטין האט מען אוועק גישיקערט איבער שבת בראשית אונ מען האט אזו ווייט ראזגולעוועט דאש עש וואר זייא שווער דער נאך אפ צוא רייסין פון דיא גוליקעס וויא עס וואר פריער שווער זייא אפ צוא רייסין פון געיאמער · קורץ אום עס וואר נאך אין קיין שמחת תורה אזוא שטארק גיהולעט וויא אין דיזין · אונ מען האט זיך ערסט אן גיהייבין אוים צוא ניכטערין אלס מען האט שוין איינינע צו גינומען פאר רעקרוטין :

## 10.

### „דיא ערסטע רעקרוטין“

באלד נאך איסרו חג האט מען גימאכט זעקסטלאך אונ מען האט צוא נומען אזעכציג שטיק פון דער גאנץ נידעריגע קלאסע למשל פון דיא אפענטליכע הייזער · פיסקאלין · קיסעניקעס · מאנכע אויש גילאסענע דראנסקאוניקעס וואש וואַרין ווירקליך צוא שאנדע פון אונזער אידעשע ווילנער גימיינדע · דער גרעסטער טייהל וואַרין גרויסע דיא קליינע וואַרין ניט איינגער פאר זעכצין זיבעצין יאר · אלע גיזונטע אונ פיינע אינגלאך · עס וואַרין קאם צווייא אויש גיבראקירט עס וואר אין דעם פריאם טאג איין טרויער אונטער דיא יודין · אונ דיא רעקרוטין האבין אויש גיזעהען וויא הייליגע קרבנות וואש מען האט זייא מקריב גיוועזן לטובת הכלל · מען האט זייא רייך גימאכט · מען האט זייא גישטאפט אונ געקראפט מיט אלעם גוטין מען האט זייא זייער שיין אוים געקליידעט · אונ מען איז גילאפין אויף דעם וואונדער זייא צוא זעהען הן יודין הן קריסטען אונ מען האט זייא דער האלטין אין שטאדט אזו לאנג וויא ווייט נאר מעגליך וואר · אונ אזו איז מען געלאפין זעהען דיא ערסטע אסמענער רעקרוטלעך וואש מען האט זייא גיבראכט וויא פון אלע אנדערע אויעזדין קיין ווילנא · איינער וואר איין צירולניקעל אציסטער אינגעל ער האט זיך אפ גישטעלט דא אין ווילנא · אלע אידעשע

רעקרוטין פלעגין אלץ טראנספארטירט ווערין אלץ באזונדער · דאש הייסט ניט מיט קריסטליכע צוא זאמען · אונ וויא נאר מען האט גיבראכט איין טראנספארט אידעשע רעקרוטין פון אנדערע אויעזדין אדער פון אנדערע גובערנעס פלעגין אידען זייער צוא חאפין צוא זיך אויף שבת · אויף מיטאג · אונ דער צוא געגעבין נאך אשיינע נדבה · אונ האבין אזו גיהאט גוטע טאגע אונ וואריין פריילך כל זמן זייא וואריין אין ווילנא · בייא זייער אפ ציהען אבער אין דיא וייטע גובערנעס האט זיך ווידער באנייט דיא טרויער שצענע · עס האבין זייא באלייט דיא גאנצע שטאט ביז גלינאנקע · איינע קרעצמע וואש איז איין האלב מייל פון ווילנא · עס זיינען נאך גיגאנגען כמה וכמה ווענין בעלאדין מיט דינע ברויט · בולקעס · קעז · הערינג · דארטין אין קרעצמע האט מען זייא אויש גיטיילט תפילין סדורים · תהלמס · דער שטאט מגיד ז״ל האט פאר זייא גיזאגט איינע ריהרענדע פריידיגט · דאש זייא זאלין זיך ערענטליך אויף פירין · זאלין זיין גיהארזאם זייערע אויבערקייט אונ אן גאט ניט פאר געסין · עש וואר דארטין גינוג געוואונט גינוג טרערין פאר גאסין · דר נאך וואר דארטין גימאכט איין מיטאג פאר זייא · קלעזמר האבין גישפילט °) עס ווארין פון דיזער שצענע גערירט זעלבסט די

אפיצירען

---

°) אלס אונזער שטאט מגיד ז״ל וואר דארטין אין גלינאנקע צוא גאסין אין וויינען בייא זיינער פריידיגט איז גיקומען צו לייפען אריטער פון שטאט אונ האט אים גיבעטין אין נאמען פון דיא גרויסע גבאים דאש ער זאל באלד קומען אויף דעם בית עולם מספיד צו זיין דעם ר׳ יעקעלע רעכעלס וואש איז פלוצלונג גישטארבין אונ ער וואר איינער פון ווילנער גרעסטע נכבדים אונ לומדים · נון פאר שטייט זיך דאש ער איז באלד אהין גיקומען וועהרענד (אלס) זיינע אויגין האבין זיך נאך ניט איין געשטילט פון יענער טרויער שצענע · אונ האט אן גיהייבין זיין הספד מיט דעם פסוק

טוב

אפיצירען אונ דיא רוזיע סאלדאטין. אונ האבין מיט געווינט · דיזע
טרויערינגע שצענע ביא דעם ארוים לאזין · זייא האט זיך ווידער
האלט (ערנייערט) כמה יאר ביא יעדען נאבאר ביז מען האט אן
גיהייבין צוא נעמען צווייא מאל איאר ביא אונז אידען צוא צעהען
פון טויזינט · וואש דאש האט אויף גיהערט ערסט אלס אונזער
קייזער אלכסנדר דער צווייטער (ירום הודו) האט בעשטיגען דעם
טראן אויף לאנגע יאר · וואש האט אונז שוין אין כמה זאכין פאר
גלייכט צוא דיא רוסין :

אין דיא צייטין פון דעם ערסטין נאבאר האט מען איין
גיפירט ביא אונז אין ווילנא מעמדות · דאש יעדערער וואש מיינט
נור גוט מיט זיינעם גאט זאל קומען איין טאג אין יעדין חודש אין
דער קבראנישע שול אונ זאל דארטין צוא ברייגען דעם גאנציך
טאג זייענדיק אן גיטאן אין טלית אונ תפילין אין תחינות אונ בקשות
אונ אויך פאסטין דער צו · עש האט דיזער תיקון גיהאלטין עטליכע
יאר זייער פעסט · נאר איצונד דינגט מען איינעם אנדערין אן שטאט
זיך אונ עם ווערט דארטין גיבעטין נאך עד היום · צו בעוואונדערין
אבער וואר דאש צוא דעם צווייטין נאבאר האבין זיך שוין גיפונען
פיל אהאטניקעם · אונ זעלבסט ארעמע עלטערין האבין פאר קויפט
זייערע אייגענע קינדער · איין גרוסער בעווייז דאש דער מענטש
איז איין קינד דער געוואונהייט נאר :

איין

---

(טוב ללכת אל בית אבל מלכת אל בית משתה) אונ האט אים
פאר טייצט אזוא · עס איז זייער פאסענד צוא קומען מספיד
צוא זיין אזוא אצדיק קומענדיק פון אזוא אשמחה פון וועלכע איך
קום יעצט · דען איך האב דורך גילאזין יעצט הונדערטע קינדער
אונזערע מיט קלעזמער מיט אגוטין מאל צייט · איינע וואהרע
חתונה · דאך ניט אוים גיגעבין זייא נאר אפ גיגעבין · אונ עס וואר
גיוויינט אונ גיוויינט :

## 11.

## „איין קריטישער (ריכטיגער) איבערבליק איבער דיא רעקרוטירונג פון אידען"

יעדער ענין מוז באטראכטעט ווערין אויף צווייא ערלייא אופנים · ערסטינס וויא ער איז אליין בעצם (אן זיך אונ פאר זיך) אונ צווייטענס וויא ער איז ווירקענד אויף אנדערע ענינים (בעציגליך אנדערער געגענשטענדע) אזו למשל דער רעגין בעצם איז פאר דעם מענטשין אגוטע זאך דען ער שטערט דעם מענטשין אין כמה ענינים ער איז זייער ניט גוט פאר עוברי דרכים · פאר דיא מויערער · דאש אונזערע חכמים זאגין ווען דיא וועלט וואלט אים ניט גידארפט העכסט נייטיג וואלטין זייא מתפלל גיוועזן דאש עס זאל קיין מאל זיין ארעגין וויא זייא דרשנן אויף דעם פסוק (ונתתי גשמיכם בעתו) דאש גאט וועט געבין רעגין אין אזו אצייט וואש ער וועט קיינעם ניט שטערין דאש הייסט אום פרייטאג צוא נאכט וואש אלע זיינען דאן צוא הויז אונ טוען קיין ארבעט · אונ דאך איז ער זייער גוט צו דיא פעלדער גערטנער אונ כאדען · אונ אזוא ווידער פאר קערט זיינען דא אזעלכע ענינים וואש זיינען בעצם זייער גוט אונ געשמאק למשל וויא דער האניק טויא אונ שאדעט זייער דיא תבואות · אונ אזו זיינען דא ווידער אזעלכע ענינים וואש זיינען בעצם גוט · אונ זיינען אויך גוט פאר אנדערע ענינים וויא דאש רוב ענינים זיינען · נאר אבער שלעכט בעצם · אונ שלעכט צוא אנדערע ענינים · דאש גיט גאר ניט אין דר וועלט ווייל קיין רע מוחלט (דורך אויס שלעכט) האט דער בורא ברוך הוא וואש איז דער מקור הטוב ניט גישאפין :

נון פון דיזעם געזיכטס פונקט אויש (דאש הייסט פון דיזעם כרכז) דארפן מיר אויך באטראכטין דיא אידעשע נאבארען מען קען אנדערם ניט זאגין דאש בעצם איז עס קיין גוטע זאך · דען עש ווילט זיך קיינעם ניט שיידין פון זיין פאמיליע אויף כמה יארען אונ

זיין

זיין איין משועבד · דער צוא נאך גיין אין פייער פון קריג · אונ לעבין
איין הארטעס לעבין · דען אין בעסטין אופן איז דער מילעטער
דינסט זייער שווערדאך אבער בדרך כלל איז עס פאר אונז אידין
אטובה: ערסטענס האבין דיא נאבארין אויס געריינגט פון אונז
זייער פיל שעדליכע מענטשין · אונ לידיג גייער · צווייטענס זיינען
פיל אפ גיגעבענע גאנץ גליקליך גיווארין אונ אויך זיך פיל גיבעסערט
אין זייער אויף פירונג דען מיר האבין אונטער אונזערע אידעשע
סאלדאטין זייער רייכע לייט אונ אויך זייער פרומע לייט · בעווייזע
דער פון גיט אונז פעטערבורג אונ מאסקעווע וואש עס זיינען דא
פון זייא דארטין גרויסע גימיינדען מיט בתי מדרשים אונ זיינען
מדריך זייערע קינדער פיל בעסער אלס אונזערע גימיינע פרייע
יודען · דריטענס האבין דיא נאבארין גימאכט לויזער די אידעשע
שטעדט · זאנסט וואלטין מיר גיהאט מיט נאך עטליכע הונדערט
קרעמער מעהר אין יעדער שטאט וואש דער קאנקערענט איז שוין
גינוג גרויס אן זייא · פערטינס זיינען מיר גיווארין דורך דעם וואהרע
בירגער דעם לאנדעס · פרייסען אונ פראנקרייך האט געקאסט
גינוג מיהע ביז זייא האבין אויס געווירקט דאש מען זאל בייא זייא
נעמען זעלנער · פינפטענס זיינען דא מענטשין אין ארעם שטאנד
וואש לעבין זייער שלעכט שטארבין פראסט פאר הונגער · אונ
וואונען אין קאלטע נאסע דירות · אונ לעבין אזו פיל שלימער אלס
דיא הונדע · נוא פאר אזו איינעם וואש איז שלעכט אסאלדאט צוא
זיין · וואש דארטין באם ער איז איין ערליכער מאן אונ איין ניכטערער
ווערט מען גאנץ ארענטליך באהאנדילט אונ מען האט וואש
נייטיגעס איז · אונ נאך מער וואש נייטיג איז · עס האבין מיר פיל
אידעשע סאלדאטין דער ציילט דאש אין דער גאנצער צייט פון
זייער סלוזבע האבין זייא קיין בייזער גיהערט אונ לעבין פיל צוא
פרידענער אין סלוזבע אלס פרייהער וויא אין דער היים · זעקסטינס
זייא קען מען עס גאר פאר לאנגען דאש גראדע מיר יודען זאלין
מאבין איין אויס נאם אין דיזער זאכע · דאש נור מיר זאלין זיין

פרייא פון רעקרוטין · נון הייסט מען וויל נאך אין דעם אזו גענאענטן גלות פערדינען · קאמיר דורך גיין דיא ביבעל אונ לאמיר ציילין וויא פיל זיינען דאש פארט אונזערע אום גיקומען אין שלאכטין אונטער אונזער אייגענע שופטים אונ מלכים אין בית ראשון נאך מער אין בית שני · אונטער דיא רעגירונג פון הורקנוס האט אונז געפידט זיין פעלד מארשאל אנטיפטאר צוא שטרייטען מיט דיא עניפטער פאר די רעמעריאונ איצונד ווילען מיר געניסען אייגע פאל קאמענע רוהיגקייט אונטער דעם שוץ פון ניכט אידעשע קיניגע צוא פיל פאר לאנגט :

נוא קען מען מאכין דער ביא איין ווענדונגען דאש זייענדיג אין סלוזבע קען מען ניט אידעשקייט אפ היטען · לאזט זיך עש אבער זייער לייכט פאר ענפערין מיט כמה וכמה תירוצים · ערשטינס אלס מיר וואהרין אין אונזער לאנד אונטער אידעשע רעגירונג האבין אונזערע סאלדאטין אויך ניט אזוי אפ גיהיט דעם דת וויא די היינטיגע זייא האבין על פי דין גימעגט עסין אין מעשר אונ זייער אפט אויך שווין פלייש · אונ האבין ניט אפ געהיט דעם שבת אין קריג צייט · צווייטינס איז דאך דאש גיזעצע אין אונזער רוסלאנד דאש יעדער אידעשער סאלדאט איז פרייא פון סלוזבע אין די שבתים ויו״ט אונ זיינען באמת פיל פרימער אלס אונזערע אנדערע פרייע יודין · אונ מען איז קיינעם ניט מעביר אויף זיין דת מיט גיוואלט :

נון קען מען ווידער האבין וואש איין צוא ווענדין אונ זאגין דאש פיל קליינע רעקרוטליך האבין זיך אוועק גיטויפט · לאזט זיך אבער צוריק זאגין דאש אין דעם זיינען מיר אליין שולדיג · דען דיא רעגירונג האט דאך אונז ניט געצוואונגען דאש מיר זאלין געבין קליינע קינדער : זיא האט אונז נאר עם ערלויבט · אונ דאש אויך צו אונזער טובה · ווייל זיא ווייס דאש דיא דער וואקסענע זיינען שוין פאר הייראטהעט נון איז שוין שאדע איין הויז צו ברעכין · אונ מיר יודען וואס מיר מיינען גוט מיט אונזער דת האבין מיר ניט גידארפט געבין קליינע · נאך מער זיא האבין דיזע לעגאטע נאך

זייער שלעכט בענוצט · זיא האבין גיגעבין אן שטאט צוועלף יארינע קינדער אויך אכט יאריגע · זעקס יאריגע ברוילעך וואש האבין נאך גאר קיין בעגריף גיהאט פון אידעשקייט · אונ צוא אונזערער שאנדע זיינען פול אלע אויש לאנדעשע זורנאלין מיט שוידערהאפטע ערצייהלונגען פון דיזער טראגייע :

קורץ דער פון מיר יודען האבין קיינע שיינע ראלין גישפילט אין דיא פארינע נאבארען דאש הייסט ביז דיא צייט וואש אונזער קייזר (ירום הודו) האט באשטימט זיין טראן לאורך ימים מען האט אפ גיגעבין פיל פון יחידים גאר אין רחמנות · ניט וייט פון דובנא האר איינע אלמנה וואש האט גיהאט איין איינציג קינד פון איאר צעהען וואש זיא האט אים געליבט וויא איר לעבין · צוויא יאר האט זיא אים דיא ווינטערין אויש געהאוועט (בעהאלטין) אין דיא ווייטע קאמים זומפען (דאש הייסט צוא ווישין הויכע אייער אדער שילף) · אין דעם דריטין ווינטער האט מען איר שוין נאך געשפירט אלס זיא האט אים עסין גיטראגין אונ מען האט אים צוא גינומען פון דארטין אונ אפ גיגעבין · די מוטער האט עש ניט איבר לעבט · דען זיא איז באלד גישטארבין דער פון :

אם שענדליכסטען האבין זיך אונזערע אפצעסטוועס באנאנגען מיט דיא פאאימנע · זייא האבין זיך מיט פרעמדע בלוט גיוואסין גאנץ אונגערעכטער ווייזע · דען זייא האבין בייא פילע פרעמדע קינדער אוועק גינומען זייערע פעטער · אונ האבין זייא אפ גיגעבין אלס פאאימנע · דאש הייסט אלס גיחאפטע אן פעטר · עס האבין דאן דיא רבנים גוואלט גישריען איבער דיזען אונרעכט · דיא איזבארסציקעס האבין עס ניט גיהערט אונ האבין אפ גיטאן גרוישע אקצעס וואש זיינען צו אונזערער שאנדע גיווארין באשריבין אין פיל צייטונגען אונ עש זיינען גימאכט גיווארין דער פון פילע ראמאנען · אונ וועלין אזו בלייבין צום אייביגין שאנד (פלעק) אויף אונזער יודענטום וואש דער שטראם דער צייט וועט עס ניט אויש וואסין · דען דאש וואר געהאנדעלט גראדע אין דעם הפך

פון

פון אונזערין אלטין אידעשין קאראקטער "בישנים · רחמנים · גומלי חסדים" אונ אזו אויך גראדע געגין דיא גיזעצע פון אונזער תורה · וויא אונזער גמרא דריקט זיך אויס (מאי חזית דדמא דידך סומק טפי דילמא דמא דההוא גברא סומק טפי) דאש הייסט מיט וואש זעהסט דוא איין דאש דיין בלוט איזט רויטער אלס דעם אנדערינס בלוט :

אזו מיינע טייערע לעזערין פון דיזער קורצע בעשרייבונג איז דיר שוין זייער לייכט צו פאר שטיין וויא דונקעל עס וואר אונזערע אידעשע וועלט מיט איאר פערציג צוריק אונ וויא אויך אונגעזיטעט זיי ווארין · דאש מען האט זיך ניט גישעמט צוא גיין אונ צוא שרייען אין די גאסין °) מיט קולות כמה וואכין נאך אנאנדער

אונ

---

°) עס קען מיר צוואר מאנכע לעזערין איין ווענדין מיט דער געשיכטע פון מרדכי דאש עס שטייט אויף אים אין מגלת אסתר (ויצא ברחוב העיר ויזעק זעקה גדולה ומרה) דאש הייסט ער איז ארויס אין גאס פון שטאט אונ האט גישריען איין גרויס גישרייא אונ איינע ביטערע · דיזע איין ווענדונג אבער לאזט זיך זייער לייכט אפ ווענדין · מיט דער זיטע וואש וואר דאן אין גאנץ אזיען · אונ איזט נאך איצונד אין אבעסיניען וואש ליגט אין אפריקא · וואש האט זיך נאך דער האלטין אין איר אלע פארציטיגע בארגענלענדישע זיטען · עס איזט דארט נאך עד היום דיא מאדע דאש אלע זובליקאנטען (פראסיטעלעם) וואש האבין איינגערייכט אבטשריפט (פראזבע) דארט צום קיניג שטעלין זיך אויף מארגין נאך זייער איינרייכונג ארום דעם אייזערנם גיטער (ארום דעם צוים פון אייזערנע שטאנקעטעם) וואש איז גימאכט ארום דעם דוואריץ אונ שרייען · וויינען · קלאגין · אונ בעטין דאש מען זאל זייא געבין איינע רעזולוציע : אונ וואש מען שרייעט אלץ העכער איז אלץ בעסער : דען דאש איז דארט גירעכינט פאר איינע גרויסע עהרע פאר דעם קיניג : איינע געטליכע פערעהרונג · אונ דאהער אין דיא צייטין וואש זיינען

און דיא אן פירער דער פון וואריץ באנאטאקר פון גאנץ נידעריגען שטאנד · און קיינער האט ניט געוואלט פאר שטיין דאש עס איז דיא גרעסטע רעכט צוא געבין סאלדאטען · יעצט גאט זייא דאנק האט מיט דיזעם ענין איין פיל בעסערע ווענדונג גינומען מצדי צדדים · דען עס איז פיל לייכטער דיא כלוזבע און מיר אידען פאר שטייען שון דאש מען האט גאר ניט וואס איין צו ווענדין געגין דעם ענין פון רעקרוטין · און דיא נאבארין ווערין אפ גיגעבין גאנץ שטיל און רוהיג :

---

דארט ווייניג סופליקאנטען ווערין געדונגען מענשין פון גאס וואש זאלין שטיין ארום דעם אייזערנעם גיטער און שרייען און בעטין · איין איינגעלשער געזאנדטער דרומענט. וואש איז איין גישטאנען דארט אין דעם קיניגליכען דוואריץ · בעקלאגט זיך דאריבער אין זיינע רייזע בעשרייבונג זייער שטארק · דען ער האט איבער דיזן לארעם קיין אויג צו גיטאן · ביי אונז אין אראפע אבער ווערט עס גראדע אום גיקערט גיהאלטין פאר גאנץ ווילד · און מיר געהערין זיך צו פירין נאך דיא זיטען פון אראפע · אבער ניט נאך דיא ווילדע זיטען פון אזיען · אזו איז דיא זיטע אין טירקייא דאש מען נעמט ניט אראפ דיא היטעל פאר דעם סולטאן · און זייערע יראים פאר מאכין דיא אויגין אלס זייא דער זעהען אים · און ביי אונז איז גראדע דיא זיטע פאר קערט · און דער וואש וועט זיך פירין דא אין דיזעם ענין וויא דיא טירקען וועט מען אים האלטין פאר איין מאיעסטעט בעליידיגער · און דאהער זאגין אונזערע חכמים (לעולם אל ישנה אדם מן המנהג) :

ע נ ד ע

הספריה הלאומית
S 2001 A 6437
דיק, איזיק מאיר,
דער ערסטער נאבאר :
C.1
2142537-10
YOS

S
2001
A
6437

C.1